ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתקי"ז
פרשת מקץ-חנוכה
שנת תשפ"ו לפ"ק

ז' תרנט) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ג ר' חיים הילל היללער שליט"א** רב ביהמ"ד רחמי האב

## חנוכה זמן תשובה לכל

מיין זיידע **הגה"ח ר' חיים הילל יאזשעף** ז"ל - דער מלמד פון די קינדער פונעם **עצי חיים** ז"ל - איז אמאל געפארן צום רבי'ן ז"ל קיין סאטמאר אויף דאס ערשטע חנוכה לעכטל.

יענעם יאר איז אויסגעפאלן די ערשטע לעכטל מוצש"ק איז ער שוין געפארן אויף שב"ק.

ערב שבת איז ער אריין צום רבי'ן שלום נעמען, פרעגט אים דער רבי "חיים הילל, וואס ביסטו געקומען ?" האט ער געענטפערט אז היות דאס ערשטע לעכטל איז מוצש"ק, איז ער שוין געקומען אויף שב"ק.

זונטאג אינדערפרי האט דער זיידע געווארט אז דער רבי זאל אריינקומען צום דאווענען, אבער עס האט זיך זייער לאנג פארצויגן, עס איז שוין געווען גאר שפעט, און דער רבי איז נאכנישט אריינגעקומען, איז דאס געווען א גרויסער וואונדער אז דער טאג איז אזוי קורץ, דער רבי פלעגט דאווענען הלל פארן עמוד, און נאך פירן א טיש בימי חנוכה, און דא גייט שוין אריבער דער טאג, און דער רבי האלט נאך פארן דאווענען.

הערנדיג אז דער רבי איז שוין זייער לאנג אין מקוה, איז ער געגאנגען אין מקוה זעהן וואס גייט פאר. אנקומענדיג נעבן דעם בור, הערט ער דעם רבי'נס שטימע ארויס פון די מקוה ווי ער איז זיך מתודה, און ער זאגט **"כ'נעם זיך פאר אז כ'וועל שוין גוט זיין, כ'וועל שוין גוט זיין"...** די מחזה נורא פונעם רבי'נס ווידוי אין די מקוה האט גענומען ארום צוויי א האלב שעה. ומי יבא בסוד קדושים. עי' בספה"ק **דברי חיים** (חנוכה, דף כג, ג' ד"ה בגמ' ת"ר), **צמח דוד** בשם אביו הבנ"י (חנוכה דף רל"ד, ורל"ז) **טעמי המנהגים** (חנוכה אות תת"מ בהגה, רמז תשב אנוש עד דכ"א, גימ' כ"ה שביום כ"ה כסלו זמן תשובה לכל) **ילקוט מהרי"א** (זידיטשוב, חנוכה) **אמרי נועם** (מועדים, נז) **פלא יועץ** (הארנאסטייפל לחנוכה) ועוד. ובספה"ק **דברי יואל** (לחנוכה ח"א אות ס"ז), מבאר רבינו ז"ל שיום א' דחנוכה יום מיוחד לתשובה עיי"ש).

ז' תרס) עס דערציילט אונזער זיידע
**הגה"צ אב"ד דקהלתינו הק' שליט"א** 15'טע עוו. - **נשיא כולל עצי חיים**

## גיין אין מקוה מיט די ריכטיגע כוונה

אין די יארן ווען **כ"ק אאמו"ר הגה"ק הברך משה זלה"ה** איז געווען רב אין ק"ק סיגעט ב"פ, פלעגט יעדן טאג זיין אפן די מקוה פון פיר אזייגער פארטאגס, ביז אכט אזייגער אינדערפרי. דערנאך איז דאס געווען פארשפארט ביזן קומענדיגן טאג.

איז געווען אמאל ווען די בחורים פון ישיבת עצי חיים סיגעט האבן מיר געבעטן צו עפענען די מקוה  פאר הדלקת נר חנוכה. (אין יענע יארן איז בכלל נישט געווען איינגעפירט צו גיין אזויפיל אין מקוה, בפרט בבית רבוה"ק זלה"ה איז מען נישט געגאנגען פאר חנוכה לעכט, און ביי ענליכע זמנים). בין איך געגאנגען איבערגעבן די בקשה פאר כ"ק אאמו"ר ז"ל.

האט מיין טאטע געזאגט "עס איז זייער  א באקוועמע בקשה פון די בחורים, אינדערויסן איז קאלט, מ'וועט גיין אין א הייסן שויער, א הייסע מקוה, זיך גוט ארומוואשן, און עס וועט נאך הייסן לכבוד נר חנוכה... אויב ווילן זיי גיין אין מקוה בין איך מסכים אז מ'זאל עפענען די מקוה, אבער נאר מיט א קאלטע מקוה, און אן קיין פרישע האנטיכער, אויב מיינט מען נאר די הכנה למצוה, זאל מען גיין אן די זייטיגע הנאת הגוף"...

ז' תרסא) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע
**הרה"ח ר' אשר אנשיל** (בר"י) **גאלדבערגער ע"ה** הכ"מ

## דער גרעסטער מופת פונעם רבי'ן

ער האט זוכה געווען צו משמש זיין בקודש פנימה ביי **כ"ק מרן רביה"ק** זי"ע במשך דריי יאר.

ביי א שמועס אמאל מיט די אייניקלעך איבער די גרויסקייט פון רבי'ן ז"ל, האט אן אייניקל געפרעגט - זייענדיג געוואוינט צו דערציילן מערערע וואונדערליכע מופתים וואס ער האט אליין מיטגעלעבט - "זיידע, זאג מיר, וואס איז די גרעסטע מופת וואס דו האסט געזען ביים רבי'ן ?".

האט דער זיידע געזאגט "איך וועל דיר פארציילן די גרעסטע מופת וואס איך האב געזען ביים רבי'ן".

עס איז געווען אמאל ווען דער רבי האט זיך געשפירט זייער אפגעשוואכט, ער האט געהאט א שווערע לונגען אנטצינדונג ה"י, מ'האט אריבער גערופן דעם דאקטאר און ער האט פארן רבי'ן געגעבן אן איינשפריץ, די רביצין ע"ה האט געבעטן 'דער רב זאל זיך גיין אראפלייגן', זייענדיג זייער שוואך, האט דער רבי געענטפערט "איך קום באלד".

נאך עטליכע מינוט הער איך ווי דער רבי רופט מיך "אנשיל קום אריין", איך גיי אריין אין רבי'נס ספרים צימער, דער רבי באפעלט מיר ארויסצונעמען א גמרא מסכת בבא מציעא, און דער רבי מישט אויף צו פרק איזהו נשך, דער רבי האט אנגעהויבן צו לערנען 'איזהו נשך' מיט זיין זיסע נעימות'דיגע גמרא ניגון - ר' אנשיל האט איבערגעזינגען די הערליכע הארציגע תנועות פון דעם רבי'נס הייליגע גמרא ניגון - און אזוי האט ער געלערנט פאר גאנצע צוויי שעה ברציפות הויך אויפ'ן קול.

האט ער אויסגעפירט "דאס איז געווען די גרעסטע מופת וואס איך האב געזען ביים רבי'ן, בשעת ווען דער רבי שפירט זיך נישט גוט און ער איז גאר שטארק אפגעשוואכט, זאל ער זיין מסוגל זיך צו זעצן לערנען צוויי שעה ברציפות הויך אויפ'ן קול מיט אזא חשק און אזא געשמאק, דאס איז דער גרעסטער מופת".

ב. דער רבי פלעגט האבן פאלשע ציין, און לחומרא פלעגט ער האבן עקסטערע ציין פאר מילכיג, און עקסטערע ציין ווען ער האט געגעסן פליישיג.

האט פאסירט אמאל אז ער האט נישט געטראפן די מילכיגע ציין, ווען ער האט געדארפט אריינברענגען א קאווע פאר'ן רבי'ן, האט ער געברענגט די אנדערע ציין, ער האט געטראכט עס איז סיי ווי נאר א חומרא, און די מילכיגע ציין איז נישט בנמצא.

ער האט אראפגעלייגט די קאווע אויפ'ן טיש, און צו זיין וואונדער, אנדערש ווי אלעמאל, האט דער רבי איינגעדרימלט און נישט צוגערירט די קאווע. אזוי איז געווען א לענגערע צייט וואס דער רבי וועקט זיך אויף, אבער ער דרימלט צוריק איין און ער רירט נישט צו צו די קאווע. שפעטער ווען די קאווע האט אויסגעקילט האט ער געברענגט א צווייטע קאווע, אבער עס האט זיך איבערגעחזר'ט דאס זעלבע, און די קאווע האט זיך אויסגעקילט, היות עס איז געווען די נישט ריכטיגע ציין, ואין הקב"ה מביא תקלה לצדיקים במדת האכילה.

ז' תרסב) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ג ר' יושע מענדלאוויטש שליט"א** משב"ק

## זוכרי זמירות יזמרו בקול (ח')

איך וויל דא מוסיף זיין אן ענין וואס איז נוגע די זמירות ביי שלש סעודות ביי **מרנן רבוה"ק זלה"ה**, וואס איך האב אויפגעפאסט מידי שבת בשבתו.

ביי שלש סעודות ווען **רבינו הדבר"י זלה"ה** פלעגט אנהייבן די חרוזים פון זמר **'בבואו מאדום'**, האט ער געזאגט **ברוך 'הוא' אלקינו**, בייביידע חרוזים סיי **ברוך הוא אלקינו אשר טוב גמלנו**, און סיי **ברוך הוא אלקינו שבראנו לכבודו**, אזוי איז טאקע דער נוסח אין סידור תפלה ישרה בארדיטשוב, וואס כידוע האט רביה"ק שטענדיג געדאווענט אין דעם סידור.

**רבינו הבר"מ זלה"ה** האט נאר געזאגט דעם **'הוא'** ביים ערשטן חרוז **'ברוך הוא אלקינו אשר טוב גמלנו'**, משא"כ ביים צווייטן חרוז האט ער געזאגט **'ברוך אלקינו שבראנו לכבודו'** ער האט אויסגעלאזט דעם 'הוא'.

(די כוונה בפשטות איז לויט ווי עס שטייט אין סידור האריז"ל לרבי שבתי ביי 'ובא לציון' וואס דארט שטייט אויך דער נוסח **'ברוך אלקינו שבראנו לכבודו'**, און אויף דעם שרייבט ער מורא'דיגע דיבורים, וזה לשון קדשו: **ב'רוך א'לקינו ש'בראנו** ראשי תיבות **'בא"ש'**, ויכוין בה היטיב, ויראה בעיניו כאילו כפות הוא להשליכו לאור, וניצול, ואין מרגיש שאש בוער, עכלה"ק, און וויבאלד ביי ובא לציון זאגט מען די ווערטער אן דעם **'הוא'** כדי אינזין צו האבן די ראשי תיבות **'באש'**, האט ער שוין אזוי געזאגט אויך ביי זמירות פון שלש סעודות, און יתכן אז וויבאלד גלייך נאך דעם שטיקל זאגט מען קבלת עומ"ש, ה' מלך און שמע ישראל, איז דא דאס פלאץ אינזין צו האבן די כוונה פון 'באש' וואס איז מסירת נפש).

ווידער **מרן רבינו שליט"א** זאגט ביי ביידע אן דעם **'הוא'**, כ'האב געפרעגט רבינו שליט"א דעם טעם, האט ער מיר געזאגט אז וויבאלד ביי די צווייטע 'ברוך אלקינו שבראנו' וויל ער מכוון זיין די כוונה פון **'באש'**, זאגט ער שוין אזוי ביי די ערשטע אויך, כדי ביידע זאל זיין די זעלבע.

נתנדב לע"נ כ"ק הגה"ק רבי **אברהם יצחק** ב"ר **אהרן דוד** זלה"ה **מתולדות אהרן** • כ"ז כסלו • ע"י הרה"ח ר' **מרדכי יצחק סאמעט** שליט"א

ב. ביי די יוצרות פון ד׳ פרשיות און ימים טובים, איז אלץ דא א ׳פזמון׳ פון חזן וקהל, **רביה״ק הדברי״ ז״ל** האט געזאגט די אלע פזמונים מיטן נוסח פון די ימים נוראים, אבער **רבינו הבר״מ** ז״ל האט עס געזאגט אויפן נוסח העולם וועלכע איז אנדערש און שנעלער.

רבינו שליט״א איז זיך נוהג כמנהג אביו הק׳, אויסער צוויי מאל וואו ער זאגט בנוסח ימים נוראים כמנהג דודו הק׳, א) שבת פרשת זכור ביי די פזמונים **ומח שמו וזכרו, ונמח זכורו מלהזכירו, בזכרון קדוש.** אויך, **יען אשר לא זכר, ונחשב כנכר, מלהזכר בזכרון קדוש.** ב) דעם צווייטן טאג שבועות ביי יוצר לשחרית, דעם פזמון **כאשר נגלית לאבותינו ביום הזה, כן נזכה שכינתך לחזה, ונאמר הנה אלקינו זה, קדוש.**

עס הערט זיך טאקע שטארק ווי דער ציבור זאגט עס איבער מיט א ברען און התלהבות.

ז׳ תרסג) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע
**הרה״ח ר׳ אהרן הכהן פאללאק ז״ל**

**נישט קיין חכמה, נאר רוח הקודש...**

עס איז געווען אמאל ווען **כ״ק מרן רביה״ק** ז״ל איז געפארן פון סאטמאר אויף א חתונה אין די שטאט האלמין. איך בין דעמאלטס געווען א בחור א תלמיד פון די ישיבה אין סאטמאר, און איך בין מיטגעפארן מיטן רבי׳ן אויף די חתונה.

ביי די חתונה האט זיך אויך באטייליגט **הגה״צ ר׳ מנחם בראדי ז״ל אבד״ק קאלוב בעמח״ס באר מנחם,** און דער רבי האט מיט אים פארברענגט ביים קבלת פנים. אינצווישן איז צוגעקומען א איד, אן אויפגעקלערטער, און ער האט געפרעגט דעם רבי׳ן א שאלה וואס מוטשעט אים שוין לאנג ״פארוואס איז דא עקסטערע אותיות אויף ס׳ ש׳ ת׳ ווען די אויסשפראך דערפון איז ביי אלע דריי די זעלבע ?״.

דער רבי, האט געזעהן אז דער מענטש מיינט דא צו צייגן זיין ׳ברייטקייט׳, האט אים תיכף געענטפערט עפ״י דרכו ״ווייל אויב וואלט נישט געווען דריי עקסטערע אותיות, וויאזוי וואלט מען ווען געקענט אויסשרייבן דעם פסוק **״וכסילים מתי תשכילו״...**

דער קאלובער רב ז״ל וואס איז געזעצן דערנעבן איז מורא׳דיג נתפעל געווארן פון די בליציגע תשובה, האט ער זיך אנגערופן ״דאס איז נישט קיין חכמה, דאס איז רוח הקודש״... (מפי הרה״ח ר׳ חיים יעקב גוטמאן הי״ו ששמעו מפיו כמ״פ)

ז׳ תרסד) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה״ח ר׳ שלום יצחק שעהר שליט״א** סופר סת״ם

**דער רצון פון בעלזער רב ז״ל: גייט קיין סאטמאר!**

עס האט מיר דערציילט מיין פעטער **הרה״ג ר׳ ישעי׳ יעקב שטויבער שליט״א,** אז ער האט חתונה געהאט קיין וויליאמסבורג בשנת תשי״ט לפ״ק, אינעם זעלבן יאר וואס אויך **כ״ק אדמו״ר מפשעווארסק שליט״א** האט חתונה געהאט פון אנטווערפן קיין וויליאמסבורג.

צו די חתונה איז געקומען צופארן דער גרויסער זיידע **כ״ק הרה״ק רבי איציקל זלה״ה,** און זייענדיג א מקורב, א בן עיר פון אנטווערפן האט ער זיך אסאך געדרייט בסביבתו, און מיטגעהאלטן אסאך שיינע ענינים אין יענע צייטן.

בתוך הבאים איז געווען א קבוצה פון בעלזער חסידים וואס האבן געוואוינט אין וויליאמסבורג וואס זענען ארויפגעקומען צו רבי איציקל, אלס א גרויסער בעלזער חסיד, און זיי האבן זיך געוואלט מחזק זיין מיט אים אינאיינעם שטייענדיג א קורצע צייט נאך די הסתלקות פון **הרה״ק מבעלזא זלה״ה.**

האט זיך רבי איציקל אנגערופן ברבים **״עטס ווילטס וויסן וואס דער רצון פון רב ז״ל איז געווען, עטס זאלטס אלע גיין קיין סאטמאר״.**

ז׳ תרסה) עס דערציילט אונזער טאטע
**הרה״ג ר׳ נחמן כהנא שליט״א** בני ברק

**תשובת המשקל אויף מצות כיבוד אב ואם**

אונזער עלטער זיידע הגה״צ ר׳ **אברהם כהן** זצ״ל - דער שווער פונעם עלטער זיידן הגה״ק ר׳ **בנימין ראבינאוויטש** זצוק״ל מנהיג דק״ק משכנות הרועים וסגן ראב״ד העדה החרדית - האט געוואוינט אין ירושלים, ער איז געווען פון די געהויבענע נקיי הדעת אינעם ישוב הישן.

ווען די קינדער זענען אונטער געוואקסן און ער האט זיי געדארפט חתונה מאכן, איז ער ארויסגעפארן קיין אמעריקע בימים ההם, ער האט זיך באזעצט אין איסט סייד, און ער דארט געווען א סופר סת״ם. דאס געלט וואס ער האט פארדינט האט ער געשיקט קיין ארץ ישראל צו קענען חתונה מאכן זיינע קינדער, אבער ער אליין איז נישט אהיים געקומען אפילו צו די חתונות פון די קינדער, וואס דאס איז געווען א וואונדער ביי אלעמען.

דערציילט איבער דעם ש״ב הר״ר **ישראל טוסיג** שליט״א - אן איינקל פון הר״ר אליעזר צבי הכהן ז״ל - זון פונעם זיידן ר׳ אברהם ז״ל, וואס האט געהערט פון זיין זיידן די סיבה דערפון.

אין יענע תקופה איז הגה״ק ר׳ **עקיבא יוסף שלעזינגער** ז״ל געפארן פון ירושלים קיין קאשוי צו ידידו וריעו **הגה״ק מקאשוי** ז״ל, צו זוכן א שידוך פאר זיין טאכטער. דער קאשויער רב האט אים מייעץ געווען צו נעמען דעם בחור ׳אברהם כהן׳, דער בחור האט שטארק נושא חן געווען ביי איהם, און ער האט אים מיט גענומען קיין ארץ ישראל וואו ער האט חתונה געהאט אין ירושלים עיה״ק.

דער חתן ר׳ אברהם איז געווען א בן יחיד צו זיין טאטע הגה״צ ר׳ יוסף ז״ל - ער איז געווען א געהויבענער איד, אויף זיין מציבה אויפן נייעם ביה״ח אין איהעל שטייט ׳צדיק יסוד עולם׳ - און זיין טאטע האט נישט געקענט קומען ביז ארץ ישראל צו די חתונה. און האט אים זייער וויי געטון אז ער האט נישט געקענט מיטהאלטן די חתונה פון זיין בן יחיד.




אלץ תשובת המשקל אויף די מצוה פון כיבוד אב, שפירנדיג אז ער האט גורם געווען א צער פארן פאטער, מיט דעם וואס ער האט נישט געקענט אנטייל נעמען אין זיין חתונה, האט ער מקבל געווען אויף זיך אז ער וועט זיך אויך נישט משתתף זיין ביי די חתונות פון זיינע קינדער... דעריבער איז ער אוועק געפארן שאפן דאס געלט פאר די חתונות פון די קינדער, אבער ער אליין האט זיך נישט משתתף געווען.

ער איז צוריק געקומען קיין ארץ ישראל סוף שנת תש״י, וואס דעמאלטס איז געווען ממש בעפאר די חתונה פון זיין יונגסטער זון הרה״ח ר׳ **אליעזר צבי** ז״ל, איז ער געגאנגען פרעגן איינעם פון די גדולי ירושלים - כמדומה אז עס איז געווען דער ירושלים׳ער רב הגאון הגדול **רבי זעליג ראובן בענגיס זצ״ל בעל לפלגות ראובן** - צי ער זאל גיין צו די חתונה אדער נישט, האט ער געהענטפערט בזה״ל: ״זאלסט גיין צו די חתונה, און זיך דארט פירן ווי א פרעמדער״.

פארשטייט זיך אז ער האט אזוי געטון, ער איז געגאנגען צו די חתונה, אבער נישט גענומען קיין ראלע ווי א מחותן, נאר ווי א פשוט׳ער משתתף ביי די שמחה. - ראו עד היכן הדברים מגיעין.

ז׳ תרסו) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה״ח ר׳ אברהם יוסף רובינשטיין הי״ו**

**געבן געלט אין די פושקע**

איך האב ב״ה די זכי׳ צו גיין מידי יום ביומו מיט א פושקע פאר די מוסדות הק׳, ווייל איך דא איבערגעבן א מעשה וואס איך האב געהערט פון הרה״ח ר׳ אפרים ניימאן ע״ה.

ער פלעגט אסאך גיין נאך געלט אין גרויסן סאטמארער ביהמ״ד, האט אים דער רבי אמאל געפרעגט צי יעדער מתפלל אין ביהמ״ד איז זיך משתתף מיטן געבן צדקה ביים דאווענען, האט ער געזאגט אז כאטש דער רבי האט מחנך געווען דעם עולם צו געבן צדקה ביד רחבה, און רוב עולם איז זיך משתתף, זענען אלע דא יחידים וואס דרייען זיך ארויס מיט תירוצים.

האט דער רבי געפרעגט ״וואס זענען די תירוצים ?״.

האט ער געזאגט אז זיי טענה׳ען אז ״דאס גיין מיט די פושקע ביים דאווענען, דאס שטערט פון דאווענען״...

האט דער רבי געזאגט ״הער צו, איך זאג פארקערט, דאס געבן צדקה ביים דאווענען, דאס העלפט נאר צו, ווייל דער אמת איז אז אן די פושקע דאווענט ער דאך אויך נישט געהעריג, מי יאמר זכיתי לבי אז מ׳דאווענט ווי עס דארף צו זיין, נאר וואס דען, אויב גיט מען צדקה ביים דאווענען וועט ער כאטש האבן א תירוץ פארן בי״ד של מעלה אז ער האט נישט גדאווענט כראוי ווייל ער איז געווען פארנומען מיטן געבן צדקה, אז ער גיט נישט צדקה האט ער נישט דאס דאווענען און נישט די צדקה״...

און דער רבי האט געזאגט בתוקף ״איך וויל אין מיין ביהמ״ד זאל יעדער געבן געלט אין די פושקע״.

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס״ד: ביטע רופט די מערכת **845-783-0735/Tellerkj@gmail.com**